תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר



בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

ב"ה

# שַׁאֲלוֹת אוּן יְדִיעוֹת

## אוֹיף

# פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא

נאמען ____________________ נ"י

בס"ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

כיתה ג' (א) הר"ר הערשל גראס הי"ו

# שאלות אויף פרשת כי תצא

**א. וואס פאר אַ מלחמה רעדט דאָ די תורה פון מצוה אדער רשות ?**

רשות.

**ב. פארוואָס קען נישט זיין פון מלחמת מצוה ?**

ווייל ביי מלחמת מצוה שטייט לא תחיה כל נשמה.

**ג. פארוואָס דארף מען שטראפען אזוי שטארק אַ סורר ומורה ?**

ווייל מען זעט שוין וואָס פון פון איהם וועט ארויס קומען, איז בעסער זאל מען איהם שטראפען פאר ער וועט קומען צו זיין אינגאנצן שלעכט.

**ד. פארוואס שטייט השב תשיבתם אַ דאפעלטן לשון ?**

אויב יענער פארלירט אפילו נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל דארף מען שטענדיג צוריק געבן, און נישט זאגן אויב יענער געבט נישט אכטונג בין איך אויך נישט מער מחויב.

**ה. ווען יענעמ'ס פעקלעך פאלן אראפ פון דעם אייזל וואס דארף מען טוהן ?**

העלפן אראפ נעמען און אויך איז אַ מצוה ארויף לאָדֶענען.

**ו. טאמער דער בעל הבית איז נישט דאָ אדער ער זעצט זיך אראפ אין אַ זייט און זאגט די האסט אַ מצוה דו דארפסט אראפנעמען די פעקלעך וואס איז דער דין ?**

איז ער פטור ווייל דער מצוה איז נאר מיט די בעה"ב צוזאמען.

**ז. ווען איז אַ מצוה אפילו אליין אָן די בעה"ב ?**

ווען ער איז אַ אלטער איד אדער אַ חולה.

**ח. זאג צוויי טעמים פארוואָס מען טאר נישט ארבעטן מיט אַ שור און אַ חמור צוזאמען ?**

1) ווייל איינער איז אַסאַך שוואכער איז עס צער בעלי חיים

2) ווייל איינער איז אַ מעלה גרה און דער אנדערער מיינט אַז ער עסט.

**ט. פארוואס שטייט די מצוה פון ציצית נעבן פרשת כלאים ושעטנז ?**

אז ציצית מעג זיין פון שעטנז. (בזמן וואס מ'האט געהאַט ריכטיגע תכלת).

**י. פארוואס איז עמון ומואב אזוי האַרב אז מען טאָר נישט חתונה האבן מיט דעם צענטן דור אפילו אויב מען האט תשובה געטוהן און זיך מגייר געווען ?**

ווייל זיי זענען שטארקע אכזריים געווען זיי האבן נישט געגעבן צו עסן און צו טרינקען אין די שווערסטע זמן...

מדת אכזריות אויף אזא שטארקע אופן גייט פון דור צו דור (הוסבר לפי הבנתם).

אַ גוט שבת

המלמד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק


כיתה ג' (ב) הר"ר מנשה ברוך קליין הי"ו

# שאלות אויף פרשת כי תצא

**א. מהי מלחמת רשות ומהי מלחמת מצוה ?**

מלחמת הרשות היא שלא ציוה השי"ת להילחם עמם כגון שאר האומות.

ומלחמת מצוה היא שהשי"ת ציוה להילחם עמם כגון ז' אומות.

**ב. מי הם ז' אומות ?**

כנעני, חתי, אמורי, פריזי, יבוסי, חוי, גרגשי.

**ג. על איזה יסוד מוכיח רש"י שפה מדובר במלחמת רשות ולא מלחמת מצוה ?**

שנאמר "ושבית שביו" ומלחמת מצוה אסור להחיות כל נשמה.

**ד. איזה זכות יתירה יש לבכור ?**

שמקבל פי שנים מכל האחים.

**ה. מה ענשו של בן סורר ומורה, ומשום מה מחמירים בענשו ?**

סקילה. שהתורה ירדה לסוף דעתו שילסטם הבריות להרגם.

**ו. מה למדים מהלשון "וכל ישראל ישמעו ויראו" ?**

שצריך הכרזה בבי"ד שהוא נהרג על שהי'ה בן סורר ומורה.

**ז. מתי נקבר אדם שהומת בסקילה ונתלה, - ומדוע אסור להלין נבלתו על העץ ?**

באותו יום שנסקל וניתלה, כי אדם עשוי בצלם דמות אלקים והוא זלזול כלפי הקב"ה,- משל לשני אחים תאומים שהוי דומים זה לזה, אחד נעשה שר ואחד נתפס ללסטיות שנעשה שודד ונתפס ונתלה, כל הרואה אותו אומר שר תלוי.

**ח. מה מצווה האדם לעשות כשמוצא אבידה ?**

להחזירו לבעלים, ואם אינו מכיר את בעל האבידה צריך להכריז על האבידה ובעל האבידה יבוא ויתן סימנים.

**ט. מה חיב ארם לעשות בראותו שמשא של אחיו נופל בדרך, ובאיזה אופן פטור מלעזור ?**

צריך לעזור לו את המשא, - כשבעל המשא הלך וישב לו ואיננו עוזר, דכתיב "הקם תקים עמו".

**י. מה מחוייב האדם לעשות כשבונה בית ?**

להתקין מעקה על הגג, שלא יגרום לנפילת אדם מגגו.

בברכת א גוט שבת

בס״ד

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

קרית יואל - בני ברק

המלמד

# צוּ אַ פַּס צוּ דִי רִיכְטִיגֶע בִּילְד

הַשָׁבַת אֲבֵידָה

הָקֵם תָּקִים עִמּוֹ

שִׁילוּחַ הַקֵן

מַעֲקֶה לְגַגֶךָ

צִיצִית

תְּקִיעַת שׁוֹפָר

**פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא**

# אַ תּוֹרָה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

## וּבִעַרְתָּ הָרָע מִקִּרְבֶּךָ וְכָל יִשְׂרָאֵל יִשְׁמְעוּ וְיִרָאוּ:

דוּ זָאלְסְט אוֹיסְרוֹימֶען דֶער שְׁלֶעכְטְ'ס פוּן צְווִישְׁן דִיר נָאכְדֶעם שְׁטֵייט וְכָל יִשְׂרָאֵל יִשְׁמְעוּ וְיִרָאוּ. (הוסבר עפ"י פשט)

בְּדֶרֶךְ רֶמֶז שְׁטֵייט אִין סְפָרִים: "וּבִעַרְתָּ הָרָע מִקִּרְבֶּךָ" אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַרוֹיס נֶעמֶען דִי שְׁלֶעכְטְ'ס פוּן דִיר, וֶועסְטוּ זֵיין רֵיין פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער, דֶעמָאלְטְס מִיט דֶעם כֹּחַ וֶועט אַרֵיין גֵיין יִרְאַת הַשֵּׁם אִין אַנְדֶערֶע אִידְן "וְכָל יִשְׂרָאֵל יִשְׁמְעוּ וְיִרָאוּ".

(הגה"ק רבי שמואל מקאמינקא זי"ע)

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק




# חוֹדֶשׁ אֶלוּל (ב)

אַ רֶמֶז צוּ בְּלָאזְן שׁוֹפָר אִין חוֹדֶשׁ אֶלוּל, שְׁטֵייט אִין סֵפֶר יֵיטֶב פָּנִים אִין נָאמֶען פוּן הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע לוֹיט דֶעם וָואס דֶער בֵּית יוֹסֵף שְׁרֵייבְּט אִין אוֹרַח חַיִּים (סִימָן תכ"ב) אַז דִי צְוֶועלֶעף "הַלְלוּהוּ" וָואס עֶס שְׁטֵייט אִינֶעם קַאפִּיטְל "הַלְלוּ אֵל בְּקָדְשׁוֹ" (תהלים ק"נ), זֶענֶען אַקֶעגְן דִי צְוֶועלֶעף חֳדָשִׁים, אוּן "חוֹדֶשׁ אֶלוּל" אִיז דָאךְ דֶער זֶעקְסְטֶער "הַלְלוּהוּ" אִיז "הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר" אַלְץ רֶמֶז מֶען זָאל אִין דֶעם חוֹדֶשׁ בְּלָאזְן שׁוֹפָר.

1) הַלְלוּיָהּ ........................................ נִיסָן

2) הַלְלוּ אֵל בְּקָדְשׁוֹ ........................ אִיָּר

3) הַלְלוּהוּ בִּרְקִיעַ עֻזּוֹ ........................ סִיוָן

4) הַלְלוּהוּ בִגְבוּרֹתָיו ........................ תַּמּוּז

5) הַלְלוּהוּ כְּרֹב גֻּדְלוֹ ........................ אָב

6) הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר ........................ אֱלוּל

7) הַלְלוּהוּ בְּנֵבֶל וְכִנּוֹר ........................ תִּשְׁרֵי

8) הַלְלוּהוּ בְּתֹף וּמָחוֹל ........................ חֶשְׁוָן

9) הַלְלוּהוּ בְּמִנִּים וְעֻגָב ........................ כִּסְלֵו

10) הַלְלוּהוּ בְצִלְצְלֵי שָׁמַע ........................ טֵבֵת

11) הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי תְרוּעָה ........................ שְׁבָט

12) כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ הַלְלוּיָהּ ............ אָדָר

(ייטב פנים)

תַּלְמוּד תּוֹרָה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

בס"ד

# פַאֲרְוָואס אִיז חוֹדֶשׁ אֱלוּל יְמֵי הָרַחֲמִים וְהָרָצוֹן?

חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דִי צֵייט וָואס דֶער אֵייבִּישְׁטֶער וֶוערְט בַּאוִוילִיגְט מוֹחֵל צוּ זֵיין פַאר דִי אִידְן זֵייעֶרְע עֲבֵירוֹת, אוּן הָאט בַּאפוֹילְן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַז עֶר זָאל אַרוֹיפְגֵיין אוֹיף דֶעם בַּארְג אִים צוּ גֶעבְן דִי צְוֵוייטֶע לוּחוֹת, אַזוֹי וִוי מִיר טְרֶעפְן אִין פִּרְקֵי דְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר, מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט, אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל הָאט דֶער אֵייבִּישְׁטֶער גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ "גֵיי אַרוֹיף צוּ מִיר אוֹיף דֶעם בַּארְג", וֵוייל דֶעמָאלְטְס אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַרוֹיף גֶעגַאנְגֶען מְקַבֵּל זֵיין דִי צְוֵוייטֶע לוּחוֹת, אוּן הָאט זִיךְ פַארזוֹימְט אִין הִימְל פֶערְצִיג טֶעג אוּן פֶערְצִיג נֶעכְט בִּיז יוֹם כִּיפּוּר, וֵוייל דֶעמָאלְטְס אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעקוּמֶען מִיט דִי צְוֵוייטֶע לוּחוֹת אוּן הָאט אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל דִי בְּשׂוֹרָה טוֹבָה אַז עֶר הָאט זֵיי מוֹחֵל גֶעוֶוען אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן דִי עֵגֶל אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "וַיֹּאמֶר ה' סָלַחְתִּי כִּדְבָרֶךָ".

אוּן וִויבַּאלְד בְּמֶשֶׁךְ דִי פֶערְצִיג טֶעג פוּן "רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל בִּיז יוֹם כִּיפּוּר", אִיז דֶער אֵייבִּישְׁטֶער בַּאוִוילִיגְט גֶעוָוארְן פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צָארְן וָואס עֶר הָאט גֶעצֶערְנְט אוֹיף זֵיי בֵּיי דִי חֵטְא הָעֵגֶל, דֶערְפַאר זֶענֶען דִי טֶעג בַּאשְׁטִימְט גֶעוָוארְן אוֹיף אַלֶע שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע דוֹרוֹת פַאר "יְמֵי רַחֲמִים וְרָצוֹן".

נָאךְ אַ כַּוָונָה אִיז דָא פַארְוָואס מֶען הָאט מְתַקֵן גֶעוֶוען דַוְקָא דִי פֶערְצִיג טֶעג צוּ תְּשׁוּבָה טוּהְן, כְּדֵי מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּהְן אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן דִי עֵגֶל וָואס מֶען הָאט גֶעמַאכְט אִין מִדְבָּר, "פֶערְצִיג טֶעג" נָאכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה.

(כף החיים)

# אַ שֵׁיינֶע מָשָׁל אוֹיף חוֹדֶשׁ אֱלוּל:

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זי"ע פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל בֵּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אַ מָשָׁל, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אָרִימֶע פְרוֹי וָואס הָאט גֶעהַאט אַ מִשְׁפָּחָה מִיט קִינְדֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן פַאר זֵייעֶר מַאמֶע צוּ עֶסְן, אָבֶּער זִי הָאט נִישְׁט גֶעהַאט

# תַלְמוּד תּוֹרָה יִטַב לֵב דְרַבֵּינוּ יוֹאֵל מִסַאטְמַאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

וָואס זֵיי צוּ גֶעבְּן צוּ עֶסְן, אֵיינְמָאל הָאט זִי גֶעטְרָאפְן אַ אֵיי, הָאט זִי גֶערוּפְן אַלֶע אִיהְרֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי גֶעזָאגְט, קִינְדֶער! קִינְדֶער! מִיר דַארְפְן זִיךְ מֶער גָארְנִישְׁט זָארְגְן, אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעטְרָאפְן אֵיין אֵיי, וָואס פוּן דֶעם אֵיי וֶועל אִיךְ קֶענֶען מַאכְן אַסַאךְ גֶעלְט, אִיךְ וֶועל גֵיין צוּם שָׁכֵן וָואס עֶר הָאט הִינְדְלֶעךְ, אוּן אִיךְ וֶועל אִים בֶּעטְן עֶר זָאל אוּנְטֶער לֵייגְן דִי אֵיי אוּנְטֶערְן הִינְדְל, כְּדֵי עֶס זָאל גֶעבּוֹירְן וֶוערְן פוּן דֶעם נָאךְ אַ הִינְדְל, נָאכְדֶעם וֶוען דִי הִינְדְל וֶועט וֶוערְן גְרוֹיס וֶועט זִי לֵייגְן אֵייעֶר, אוּן פוּן דִי אֵייעֶר וֶועט וֶוערְן אַסַאךְ הִינְדְלֶעךְ, אוּן וֶוען מִיר וֶועלְן שׁוֹין הָאבְּן אַסַאךְ אֵייעֶר אוּן אַסַאךְ הִינְדְלֶעךְ וֶועלְן מִיר דָאס אַלֶעס פַארְקוֹיפְן, אוּן מִיט דִי גֶעלְט וֶועט מֶען קוֹיפְן אַ קְלֵיינֶע קֶעלְבְּעלֶע, אוּן וֶוען דִי קֶעלְבְּעלֶע וֶועט וֶוערְן גְרוֹיס וֶועט וֶוערְן פוּן דֶעם אַ קוּה, בִּיז מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַסַאךְ קוּהֶען אוּן אַסַאךְ קֶעלְבְּלֶעךְ, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען אַלֶעס פַארְקוֹיפְן אוּן מְ'וֶועט קוֹיפְן מִיט דֶעם אַ גְרוֹיסֶע פֶעלְד, אוּן מְ'וֶועט דָארְט אָנְזֵייעֶן אַסַאךְ פֵּירוֹת, מְ'וֶועט פַארְקוֹיפְן דִי פֵּירוֹת, אוּן מִיט דִי גֶעלְט וֶועט מֶען קוֹיפְן נָאךְ פֶעלְדֶער, אוּן נָאכְדֶעם וֶועלְן מִיר שׁוֹין הָאבְּן אַסַאךְ פֶעלְדֶער אוּן אַסַאךְ קוּהֶען אוּן קֶעלְבְּלֶעךְ אוּן עֶס וֶועט אוּנְז גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

אַזוֹי וִוי דִי מַאמֶע פַארְצֵיילְט דָאס אַלֶעס פַאר אִיהְרֶע קִינְדֶער, הַאלְטֶענְדִיג דִי אֵיי אִין אִיהְרֶע הֶענְט, אִיז פְּלוּצְלִינְג דִי אֵיי אַרָאפּ גֶעפַאלְן פוּן אִיהְרֶע הֶענְט אוּן עֶס הָאט זִיךְ צוּבְּרָאכְן, אוּן אַלֶע אִיהְרֶע פְּלֶענֶער אִיז פַארְשְׁטֶערְט גֶעוָוארְן...

דֶער נִמְשָׁל אִיז, אַז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בֵּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, וֶוען עֶס קוּמְט אָן אָנְהֵייבּ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, נָאךְ פַאר וֶוען עֶס קוּמֶען אָן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, מַאכְט יֶעדֶער פַאר זִיךְ אַ פְּלַאן, אוּן אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ אַז פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער וֶועט עֶר תְּשׁוּבָה טוּהְן אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, עֶר מַאכְט פַארְשִׁידֶענֶע פְּלֶענֶער אַז דָאס אוּן דָאס וֶועט עֶר פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער טוּהְן, עֶר וֶועט נָאר זוּכְן צוּ מְקַיֵּים זַיין וָואס מֶער מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, עֶר וֶועט חָלִילָה שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט מֶער זִינְדִיגְן, אָבֶּער וֶוען דִי הֵיילִיגֶע טֶעג גֵייעֶן אַדוּרְךְ, פַאלְט עֶר צוּרִיק פוּן דִי אַלֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אוּן עֶר בְּלֵייבְּט מִיט גָארְנִישְׁט, דֶערְפַאר זָאל יֶעדֶער אֵיינֶער זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן פַאר זִיךְ אַז עֶר זָאל חָלִילָה נִישְׁט צוּרִיק פַאלְן, נָאר זוּכְן דֶעם אֱמֶת'דִיגְן גוּטְן וֶועג.

(דרכי חיים)

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

## פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא

# אַ תּוֹרָה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**כי תצא למלחמה על אויבך ונתנו ה' אלוקיך בידך.**

י"ל על פי הידוע דנתינת צדקה נקראת יד כיון שהיא ניתנת מיד ליד, וזש"ה כי תצא למלחמה על אויבך, וברצונך לנצח, "ונתנו ה' אלוקיך" אם תרצה שיתן אותם נגפים לפניך "בידך" ע"י הצדקה הניתנת ביד תנצח אותם.

**(ייטב פנים)**

**כי תצא למלחמה על אויבך ונתנו ה' אלוקיך בידך ושבית שביו.**

וי"ל על פי האגרא דכלה הידוע שכח הפועל בנפעל דאם אדם כשר נהנה מממון של רשע יוליד בקרבו מדות רעות כפי כח הרשע הנותן, וזש"ה כי תצא למלחמה על אויבך, ואולי תחשוש לקחת מבית האויבים הרשעים כדי שלא יולידו בך מידות רעות, על כן אמר הכתוב "ונתנו ה' אלוקיך" דכאן היא מתנה מהשי"ת לבדו ואין לחשוש מממון זה, ושבית שביו, אתה יכול להנות מממונם כי היא מתנה מהשי"ת.

**(דברי יואל)**

**איתא בקדמונים וז"ל: "בכר חסר על כן דינו פי שנים".**

והוא פלא דאדרבה חסר משמע שמקבל פחות, וי"ל דאותיות ב' כ' ר' הם כפולות מהאותיות שלפניהם, ב' כפולה מא', כ' כפולה מי', ר' כפולה מק', אבל שאר האותיות וגם הו' בתוכם אינם כפולות מהאותיות שלפניהם, וז"ש הקדמונים כיון דכתיב בכר חסר בא לרמז שהבכור נוטל פי שנים, ואם הי' כתוב מלא לא הי' נרמז בהאותיות דהו' אינו כפולה.

**(באר מים חיים)**

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק


בס״ד

## פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא

# שְׁרַייבּ אַרַיין דִי אוֹת פוּן דִי וָוארְט בַּיי זַיין טַייטְשׁ

| | | | |
|---|---|---|---|
| עַל אֹיְבֶיךָ | א | | אוּן אַ וִוידֶערשְׁפֶּענִיגֶער |
| וְשָׁבִיתָ | ב | | זַיין גֶעפַאנְגֶענֶע |
| שִׁבְיוֹ | ג | | אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ וֶועלְן פַארְהוֹילְן |
| וְרָאִיתָ בַּשִּׁבְיָה | ד | | אוּן זִי זָאל לָאזְן וַואקְסְן אִיהְרֶע נֶעגְל |
| וְגִלְּחָה אֶת רֹאשָׁהּ | ה | | אוּן זִי זָאל אָפְּטוּהְן |
| וְעָשְׂתָה אֶת צִפָּרְנֶיהָ | ו | | אַ חוֹדֶשׁ צַייט |
| וְהֵסִירָה | ז | | אוֹיף דֵיינֶע פֵּיינְט |
| וּבָכְתָה | ח | | אוּן אֵיינְס אִיז אַ גֶעפֵּיינְטֶע |
| יֶרַח יָמִים | ט | | זַיין עֶרְשְׁטֶע כֹּחַ |
| הָאַחַת אֲהוּבָה | י | | זָאלְסְטוּ דָאס אֵיינְזַאמְלֶען |
| וְהָאַחַת שְׂנוּאָה | יא | | אוּן דוּ וֶועסְט פַאנְגֶען |
| רֵאשִׁית אֹנוֹ | יב | | אוּן דוּ זָאלְסְט דָאס צוּרִיק קֶערְן |
| סוֹרֵר | יג | | אוּן דוּ וֶועסְט זֶעהְן אִין גֶעפֶענְגֶענִישׁ |
| וּמוֹרֶה | יד | | אוּן זִי זָאל אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר פוּן קָאפּ |
| נִדָּחִים | טו | | אוּן זִי זָאל בַּאוֵויינֶען |
| וְהִתְעַלַּמְתָּ | טז | | אֵיינֶע אִיז אַ גֶעלִיבְּטֶע |
| וַאֲסַפְתּוֹ | יז | | אַ אָפְּקֶערֶער |
| וַהֲשֵׁבֹתוֹ | יח | | וָואס זֶענֶען פַארְבְּלָאנְדְזֶשֶׁעט |

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

## פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא

## שְׁרֵייבּ אַרֵיין דִי אוֹת פוּן דִי וָוארְט בֵּיי זֵיין טֵייטְשׁ

| | | | |
|---|---|---|---|
| עַל אֹיְבֶיךָ | א | | אוּן אַ וִוידֶערשְׁפֶּענִיגֶער |
| וְשָׁבִיתָ | ב | | זֵיין גֶעפַאנְגֶענֶע |
| שִׁבְיוֹ | ג | | אַ אָפְּקֶערֶער |
| וְרָאִיתָ בַּשִּׁבְיָה | ד | | אוּן זִי זָאל לָאזְן וַואקְסְן אִיהְרֶע נֶעגְל |
| וְגִלְּחָה אֶת רֹאשָׁהּ | ה | | אוּן זִי זָאל אוֹיסְטוּהְן |
| וְעָשְׂתָה אֶת צִפָּרְנֶיהָ | ו | | אַ חוֹדֶשׁ צֵייט |
| וְהֵסִירָה | ז | | אוֹיף דֵיינֶע פֵיינְט |
| וּבָכְתָה | ח | | אוּן אֵיינְס אִיז אַ גֶעפֵיינְטֶע |
| יֶרַח יָמִים | ט | | זֵיין עֶרְשְׁטֶע כֹּחַ |
| הָאַחַת אֲהוּבָה | י | | אוּן זִי זָאל בַּאוֵויינֶען |
| וְהָאַחַת שְׂנוּאָה | יא | | אוּן דוּ וֶועסְט פַאנְגֶען |
| רֵאשִׁית אֹנוֹ | יב | | אֵיינֶע אִיז אַ גֶעלִיבְּטֶע |
| סוֹרֵר | יג | | אוּן דוּ וֶועסְט זֶעהְן אִין גֶעפֶענְגֶענִישׁ |
| וּמוֹרֶה | יד | | אוּן זִי זָאל אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר פוּן קָאפּ |

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א – בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל – בני ברק

## פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא

# שְׁרַייבּ אַרַיין דִי אוֹת פוּן דִי טַייטְשׁ בַּיי זַיין וָוארְט

| | | | |
|---|---|---|---|
| הַכָּתוּב מְדַבֵּר | | ו | אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען |
| אֵין לוֹמַר | | ו | יֶעדֶער וָואס זֶעהְט אִים (הֶענְגֶען) |
| לֹא תְחַיֶּה | | ה | אוּן אֵיינֶער אִיז גֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן |
| כָּל נְשָׁמָה | | ה | וֵוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז גֶעמַאכְט |
| זִלְזוּלוֹ שֶׁל מֶלֶךְ | | ו | אַ יֶעדֶע נְשָׁמָה |
| שֶׁאָדָם עָשׂוּי | | ח | דִי שַׁאנְד פוּנֶעם קֶענִיג |
| בִּדְמוּת דְיוֹקְנוֹ | | י | קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן |
| לִשְׁנֵי אַחִים | | ד | דֶער שַׂר הֶענְגְט |
| תְאוֹמִים | | ל | דוּ זָאלְסְט נִישְׁט לָאזְן לֶעבְּן |
| שֶׁהָיוּ דוֹמִין | | ל | וֶועגְן רוֹיבֶּעְרֵיי |
| שַׂר | | א | צְווִילִינְגְס |
| וְאֶחָד נִתְפַּס | | ן | צוּ צְוֵויי בְּרוּדֶער |
| לְלִסְטִיּוֹת | | וז | וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְלַייךְ |
| וְנִתְלָה | | ק | אַ הֶער |
| כָּל הָרוֹאֶה אוֹתוֹ | | ק | מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס גֶעשְׁטַאלְט |
| הַשַּׂר תָּלוּי | | ווז | רֶעדְט דֶער פָּסוּק |

וֶועסְטוּ טְרֶעפְן צְוֵויי מִצְוֹת וָואס עֶס שְׁטֵייט דִי וָואךְ:

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | | | | | | | | | | |

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתיסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק

בס"ד

# צֵייכְן אַ ✓ בֵּיי דִי רִיכְטִיגֶע קֶעסְטְל

| | אויפן וועג | און אפגעמוטשעט | און דו ביסט געווען מיד | און ער האט גע'הרג'עט צווישן דיר | איר צו ירשענען | אלע שוואכע | געבט צו דיר א ארבעטייל | דו זאלסט נישט פארגעסן | וואס ער האט דיר געטראפן | זאלסטו אויסמעקן |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| בַּדֶּרֶךְ | | | | | | | | | | |
| אֲשֶׁר קָרְךָ | | | | | | | | | | |
| וַיְזַנֵּב בְּךָ | | | | | | | | | | |
| כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים | | | | | | | | | | |
| וְאַתָּה עָיֵף | | | | | | | | | | |
| וְיָגֵעַ | | | | | | | | | | |
| נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה | | | | | | | | | | |
| לְרִשְׁתָּהּ | | | | | | | | | | |
| תִּמְחֶה | | | | | | | | | | |
| לֹא תִּשְׁכָּח | | | | | | | | | | |

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

קרית יואל - בני ברק

## שְׁרַייבּ אַרַיין דִי וֶוערְטֶער וָואס פֶּעלְן

## אֲהוּבָה אָדֶער שְׂנוּאָה

כִּי תִהְיֶיןָ לְאִישׁ שְׁתֵּי נָשִׁים הָאַחַת ________

וְהָאַחַת ________ וְיָלְדוּ לוֹ בָנִים הָ________

וְהַ________ וְהָיָה הַבֵּן הַבְּכֹר לַ________ וְהָיָה

בְּיוֹם הַנְחִילוֹ אֶת בָּנָיו אֵת אֲשֶׁר יִהְיֶה לוֹ לֹא יוּכַל

לְבַכֵּר אֶת בֶּן הָ________ עַל פְּנֵי בֶן

הַ________ הַבְּכֹר: כִּי אֶת הַבְּכֹר בֶּן

הַ________ יַכִּיר לָתֶת לוֹ פִּי שְׁנַיִם בְּכֹל אֲשֶׁר

יִמָּצֵא לוֹ כִּי הוּא רֵאשִׁית אֹנוֹ לוֹ מִשְׁפַּט הַבְּכֹרָה:

בס״ד

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

# שְׁרַייבּ אַרַיין דִי אוֹתִיוֹת פוּן דִי תְּשׁוּבוֹת בֵּיי זֵייעֶרֶע שַׁאֲלוֹת

| | |
|---|---|
| ווייל בֵּיי מִלְחֶמֶת מִצְוָה שְׁטֵייט לֹא תְחַיֶה כָּל נְשָׁמָה | ו - דַארְף מֶען מַאכְן אַ גֶדֶר |
| ווייל מְ'זֶעט שׁוֹין יֶעצְט וָואס וֶועט אַרוֹיס קוּמֶען פוּן דֶעם סוֹרֵר וּמוֹרֶה | צ - ווייל ס'שְׁטֵייט אַ דָאפְּלְטְן לָשׁוֹן הָשֵׁב תְּשִׁיבֵם |
| פוּן וואוּ ווייסְט מֶען אַז אוֹיבּ אֵיינֶער פַארְלִירְט נָאךְ אַמָאל אוּן נָאךְ אַמָאל דַארְף מֶען עֶס צוּרִיק גֶעבְּן | ק - קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן אַז דָא רֶעדְט זִיךְ מִלְחֶמֶת מִצְוָה נָאר בֵּיי מִלְחֶמֶת רְשׁוּת |
| וָואס לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס פוּן דִי וָוארְט הָקֵם תָּקִים עִמּוֹ | ר - אַז צִיצִית מֶעג מֶען יָא מַאכְן פוּן שַׁעַטְנֵז |
| ווייל אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז מְ'קֶען אַרָאפּ פַאלְן ? | נ - דַארְף מֶען אִיהם גֶעבְּן אַזַא שְׁטַארְקֶע שְׁטְרָאף |
| וָואס לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס פוּן דָאס וָואס שְׁטֵייט נָאנְט דִי מִצְוָה פוּן כִּלְאַיִם צוּ דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית | פ - אַז מְ'דַארְף אִים הֶעלְפְן נָאר אוֹיבּ דִי בַּעַל הַבַּיִת הֵייבְּט אוֹיךְ אוֹיף אוּן נִישְׁט עֶר לָאזְט אִים אַלֵיין אוֹיפְהֵייבְן |

וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ מִצְוָה וָואס שְׁטֵייט דִי וָואךְ
וָואס דִי שְׂכַר פוּן דִי מִצְוָה אִיז אַז מְ'וֶועט הָאבְּן אַרִיכַת יָמִים

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | | |

בס"ד


# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק


# מַאךְ אַ סִימֶן

## בֵּיי אַ מִצְוָה אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זֵייט - בֵּיי אַ עֲבֵירָה אוֹיף דִי לִינְקֶע זֵייט

| | | |
|---|---|---|
| ☐ | סוֹרֵר וּמוֹרֶה | ☐ |
| ☐ | לָאזְן נֶעכְטִיגְן אַ טוֹיטֶע קֶערְפֶּער | ☐ |
| ☐ | הַשָׁבַת אֲבֵידָה | ☐ |
| ☐ | וְהִתְעַלַמְתָּ מֵהֶם | ☐ |
| ☐ | כְּלִי גֶבֶר עַל אִשָּׁה | ☐ |
| ☐ | שַׁלֵחַ תְּשַׁלַח אֶת הָאֵם וְהַבָּנִים תִּקַח לָךְ | ☐ |
| ☐ | מַעֲקֶה לְגַגֶךָ | ☐ |
| ☐ | שַׁעַטְנֵז | ☐ |
| ☐ | צִיצִית | ☐ |
| ☐ | מְחִיַית עֲמָלֵק | ☐ |

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתיסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל - בני ברק


בס"ד

# שְׁאֵלוֹת אוֹיף פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא

מַאךְ אַ סִימָן בֵּיי דִי רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה

וֶוען מ'טְרֶעפְט בֵּיי אַ מִלְחָמָה אַ פְרוֹי וָואס מֶעג מֶען טוּהְן מִיט אִיהְר?

◇ הַרְגֶ'עְנֶען

◇ חַתוּנָה הָאבְּן מִיט אִיהְר

◇ פַּארְקוֹיפְן

וֶוען אֵיינֶער הָאט קִינְדֶער פוּן צְוֵויי פְרוֹיעֶן, אַ בַּאלִיבְטֶע אוּן נִישְׁט אַ בַּאלִיבְטֶע, אוּן דֶער בְּכוֹר אִיז פוּן דִי נִישְׁט בַּאלִיבְטֶע, וֶועלְכֶע קִינְד יַרְשְׁ'נְט דָאפְּלְט?

◇ פוּן דִי בַּאלִיבְטֶע

◇ פוּן בֵּיידֶע

◇ פוּן דִי נִישְׁט בַּאלִיבְטֶע

דֶער סוֹרֵר וּמוֹרֶה וֶועמֶען פָאלְגְט עֶר נִישְׁט ?

◇ זַיין טַאטֶע

◇ זַיין מַאמֶע

◇ זַיין טַאטֶע מִיט זַיין מַאמֶע

פַאר וֶועמֶען הָאט מֶען גֶעדַארְפְט זָאגְן בְּנֵנוּ זֶה סוֹרֵר וּמוֹרֶה אֵינֶנוּ שׁוֹמֵעַ בְּקוֹלֵנוּ זוֹלֵל וְסוֹבֵא ?

◇ פַארְן דִי שׁוֹחֵט

◇ פַאר דִי זִקְנֵי עִירוֹ

◇ פַארְן דִי פָּאלִיצֵיי

וֶוען אֵיינֶער טְרֶעפְט אִין גַאס אַ בֶּערְזְל אָדֶער שְׁלִיסְלֶעךְ וָואס דַארְף עֶר טוּהְן מִיט דֶעם?

◇ פַארְקוֹיפְן

◇ צוּרִיק גֶעבְּן

◇ נֶעמֶען פַאר זִיךְ

וֶוען מ'טְרֶעפְט אַ קַן צִיפּוֹר וָואס דַארְף מֶען טוּהְן?

◇ אַוֶועק שִׁיקְן דִי מַאמֶע אוּן נֶעמֶען דִי קִינְדֶער

◇ אַוֶועק שִׁיקְן דִי מַאמֶע אוּן דִי קִינְדֶער

◇ נֶעמֶען דִי מַאמֶע מִיט דִי קִינְדֶער

וֶוען אֵיינֶער זֶעהְט אַ אֵייזְל אוּן סְ'פַאלְט אַרָאפּ שְׁוֶוערֶע פֶּעקְלֶעךְ, וָואס דַארְף עֶר טוּהְן?

◇ הֶעלְפְן צוּזַאמֶען מִיט דִי בַּעַל הַבַּיִת

◇ בִּכְלַל נִישְׁט הֶעלְפְן

◇ הֶעלְפְן אַלֵיין

וִויפִיל צִיצִית מַאכְט מֶען בֵּיי דִי טַלִית גָדוֹל?

◇ פִינֶעף

◇ דְרֵיי

◇ פִיר אַזוֹי וִוי אַ טַלִית קָטָן

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א

## קרית יואל - בני ברק

בס״ד

# קֶעסְטֶל רֶעטֶענִיש

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ל | א | ח | מ | ל | ח | מ | ה | ש | א | ת | ל | מ | ש | ה |
| א | כ | ל | י | ג | ב | ר | ת | ש | ד | א | ל | ת | ק | ש |
| ת | י | ל | מ | א | מ | ת | ך | ד | ת | ח | א | ם | ו | ב |
| ל | ת | ח | מ | ו | ר | ה | ל | ג | א | י | ת | ב | כ | ת |
| י | צ | מ | ר | ק | ם | א | ח | ש | ג | ק | צ | י | ש | ש |
| ן | ב | ר | ת | י | ת | י | א | ל | י | ל | ת | י | ב | י |
| ב | ו | ו | ב | ח | י | ב | מ | ם | ש | צ | ה | כ | צ | ב |
| ס | ת | ד | ר | כ | ס | ר | ע | י | א | ת | ו | ק | ל | ם |
| ש | י | ש | מ | ו | ו | מ | ם | י | ת | ר | ח | ח | ע | י |
| ע | ק | י | ל | פ | ו | י | ל | ח | ז | כ | ו | ל | ת | מ |
| ט | ב | ל | צ | נ | נ | ע | ו | מ | ק | מ | ר | ע | ש | ם |
| נ | ו | ן | מ | ש | ד | ו | ר | ל | ב | כ | ל | א | י | ם |
| ז | ק | נ | י | ע | י | ר | ו | ק | ר | ב | ה | י | ה | כ |
| ל | ו | פ | ש | ת | י | ם | ש | ו | ל | ש | מ | ל | ת | ו |

כִּי תֵצֵא
מִלְחָמָה
בְּכוֹר
פִּי שְׁנַיִם
סוֹרֵר וּמוֹרֶה
זִקְנֵי עִירוֹ
שַׁעַר מְקֹמוֹ
זוֹלֵל וְסֹבֵא
לֹא תָלִין
הָשֵׁב תְּשִׁיבֵם
לַחֲמֹרוֹ
לְשִׂמְלָתוֹ
חֲמוֹר
שׁוֹרוֹ
הָקֵם תָּקִים עִמּוֹ
כְלִי גֶבֶר
שִׂמְלַת אִשָּׁה
קַן צִפּוֹר
שַׁלֵּחַ תְּשַׁלַּח
וְהַאֲרַכְתָּ יָמִים
בַּיִת חָדָשׁ
מַעֲקֶה לְגַגֶּךָ
כִּלְאָיִם
לֹא תַחֲרֹשׁ
שַׁעַטְנֵז
צֶמֶר
וּפִשְׁתִּים
צִיצִית
עֲמָלֵק

װֶעסְטוּ טְרֶעפְן אַ פָּסוּק פוּן תְּהִלִּים וָואס מְ'זָאגְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען

☐☐☐ ☐☐☐☐☐ ☐☐☐ ☐
☐☐☐☐ ☐☐☐☐ ☐☐☐☐
☐☐☐☐ ☐ ☐☐ ☐☐☐
☐☐☐ ☐☐☐☐☐ ☐☐☐☐
☐ ☐☐☐☐☐ ☐☐☐☐☐☐